



# תורת יואל

גליון מס' 99

אידיש

## מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת נצבים-וילך תשפ"ו


## כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וגו'.

אין מדרש (דברים רבה) שטייט: **אמר הקב"ה לא נפלאת היא, ואם נפלאת היא ממך, שאין אתה עסוק בה וכו',** טייטש: דער אייבערשטער זאגט: די תורה איז באמת נישט ווייט פון דיר, און אויב שפירסטו זיך דערווייטערט איז ווייל דו האסט נישט עוסק געווען בתורה, נישט גענוג פלייסיג געלערנט

דער רבי לייגט אראפ א געוואלדיגע יסוד, אז דער מענטש מיט זיינע שלעכטע מעשים איז גורם צו ווערן דערווייטערט פון תורה, און די מצוות ווערן פלוצים זייער שווער צו מקיים זיין, ווייל ווען א מענטש איז ריין פון זינד איז זייער גרינג צו האלטן די תורה.

און דער רבי איז מסביר, אז דער ערשטער חטא וואס א איד זינדיגט רח"ל, דאס איז דער עיקר גורם צו ווערן דערווייטערט פון באשעפער, און חז"ל זאגן דאך, **עבירה גוררת עבירה,** ווערט מען אלס מער דערווייטערט פון תורה ומצוות, במילא אויף דער ערשטער חטא דארף א יוד שטענדיג תשובה טוהן ווייל דאס האט גורם געווען צו זינדיגן נאך און נאך, רח"ל.

מיט דעם יסוד איז דער רבי מפרש דער פסוק אין תהילים (עט. ח) **אל תזכור לנו עונות ראשונים,** לכאורה פארוואס בעטן מיר נאר אויף די ערשטע זינד? פארוואס בעטן מיר נישט אויף אלע עונות פריער'דיגע און שפעטערע, נאר וואס דען, די ערשטע עבירה דאס איז דער עיקר גורם פאר אלע שפעטערדיגע חטאים, במילא בעטן מיר אויף די ערשטע עוונות.

דער רבי דערמאנט די באקאנטע מעשה וואס עס האט דערציילט דער ראפשיצער רב זצ"ל, אז דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, האט זיך פארברענט די הענט אויף דער עלטער, פאר די ערשטע חטא וואס ער האט געטהון אלס גאר קליין קינד, און האט שטענדיג תשובה געטהון אויף די ערשטע עבירה.

ווי אויך דער מהרש"א איז מבאר די גמרא (מכות י. ב') **במקום שאדם רוצה לילך מוליכין אותו,** טייטש: צו א פלאץ ווי א מענטש וויל גיין ווערט ער אהינגעפיהרט, איז דער מהרש"א מדייק, שטייט נישט אז דער אייבערשטער פיהרט אים, שטייט מוליכין אותו ער ווערט אליינס געפיהרט, ווער פירט אים? זאגט דער מהרש"א, אז פון יעדע עבירה ווערט באשאפן א מלאך רע, און דער מלאך פיהרט אים צו נישט גוטע ערטער רח"ל, און דאס הייבט זיך אן ביי די ערשטע עבירה, עכ"ל.

אויך טרעפן מיר אין ספר **רב פנינים** פון גרויסן פוסק דער **פרי מגדים,** אז פון יעדע חטא ווערט באשאפן א מלאך המשחית וואס צווינגט אים צו טוהן נאך עבירות, ער דרוקט זיך אויס מיט דעם לשון, **וכמעט בטלה הבחירה,** טייטש: אז נאך דעם ערשטן חטא ווערט כמעט בטל די בחירה, ווייל דער מלאך שטופט אים צו זינדיגען נאך, במילא דארף א איד אייביג תשובה טהון אויף דעם ערשטן חטא וואס איז געווען ליידער ברצון.

**מבואר מכל זה,** פון די דערמאנטע מאמרים זעהן מיר, אז יעדע עבירה באשאפט א מלאך רע וואס פיהרט צו נאך עבירות - פיהרט אויס דער רבי - וואלט א איד נישט געטהון די ערשטע עבירה, וואלט ער גרינג געקענט מקיים זיין די תורה ומצוות.

וזהו כוונת הפסוק, **כי המצוה הזאת לא נפלאת ממך,** די תורה ומצוות איז נישט ווייט פון דיר, אין אויב שפירסטו אז עס איז יא ווייט פון דיר, זאגט דער מדרש **תדע שהיא ממך** - פון דיר, ווייל די האסט געזינדיגט, און די עבירות זענען גורם ליידער א דערווייטערונג פון תורה ומצוות, און מיט דעם פשט פארשטייט מען דעם המשך הפסוקים, **כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו,** ווייל באמת איז די תורה גרינג צו האלטן ווען מען איז ריין פון זינד.

דער רבי ענדיגט די דברי תורה ומוסר מיט א ברכה, ובעת עמדינו בתפלה, בשעת מיר בעטן און דאווענען, זאל הקב"ה משפיע זיין, מיר זאלן קענען מכוון זיין אונזער הארץ צום באשעפער, און מקשר זיין **הפה והלב בשעת התפילה,** ועי"ז נתקרב ווערן צו הקב"ה, ווי עס שטייט אין פסוק, **כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו.**

(תשכ"ב)

# מעשה דערציילט

הרה"ח רבי עזריאל שעהר הי"ו

די מעשה איז פארגעקומען אין די תשל' יארן, ווען צו יענע צייט איז אהער געקומען א אלמנה פון שווייץ, מיט א דרייסיג יעריגע זוהן, וואס איז אויך געווען עטוואס פיזיש באגרעניצט, און געקומען קיין נוי יארק זיך היילן.

געשטאמט פון א אשכנזי'שע משפחה, איינקלער פון רבי קאפיל רייך ז"ל, און זענען איינגעשטאנען ביי א סאטמארע פאמיליע, משפחת אראן, נאנטע קרובים, נאך אפזיין א שטיק צייט און געהאלטן ביים אהיים פארן, האט מען זיי אריינגעטראגן צום רבי'ן, נאך א ברכה.

דער רבי לייענט אפ דעם קוויטל, און פרעגט די סיבה פאר זיין דאהי, ביים סוף שמועס פרעגט דער רבי, מען קען נאך פארלענגערן דעם בילעט? זאגט די אלמנה יא! דער רבי נעמט ארויס טויזענט דאללער און גיט אהין און גוזעגנט אפ, אזוי איז געווען עטליכע מאל, ווען מ'איז אריין גוזעגענען האט דער רבי געפרעגט וועגן בלייבן נאך אביסל, און געגעבען א שיינע נתינה, אזוי האט דער רבי אויפגעהאלטן פון אהיים פארן עטליכע חדשים.

איינמאל האט דער רבי זיי געזאגט, איך האב אריינגעטראכט, אז די היזיגע דאקטוירים יאגן זיך כסדה, און גיבן זיך נישט געגונג אפ מיטן פראבלעם, במילא זאל איר אהיים פארן, און די שווייצע דאקטוירים וועלן בעסער היילן, און דער רבי גיט א קאנווערט מיט צען טויזענט דאללער.

די אלמנה איז אהיים אביסל פארביטערט, ס'האט איר אויסגעזעהן ווי דער רבי וויל שוין פטור ווערן פון איר, און שיקט איר אהיים, האט מען איר מסביר געווען אז דער רבי זעהט ווייט, און ס'איז זיכער פאר איר טובה, האט מען זיך איינגעפאקט און ויסעו.

אויפן וועג ביי א אפשטעל אין פאריז, ווי מען האט געדארפט טוישן פליגערס, האט די אלמנה געטראפען דארט א אנדערע פרוי רייזענדע, און נאכן שמועסן אביסל און דערציילט פון ווי מ'קומט און מ'גייט, האט די פרוי געזאגט אז זי האט א טאכטער אויך באגרעניצט, און זי פארט קיין שווייץ וועגן א שידוך פאר די טאכטער, ביים זיך צושיידן האט די אלמנה געוואונטשען אלעס גוטס, און געגעבן איר נומער, ווען די ביסט אין שווייץ, און די געברויכסט עפעס רוף מיך אן, און מ'האט זיך געזעגנט.

למעשה פון יענעם שידוך איז גארנישט געווארן, און אזוי ווי מ'האט זיך שוין באקענט, האט מען אנגעהויבן רעדן א שידוך, און דער בחור מיט דעם מיידל, ביידע עטוואס בעגרעניצט, האבן חתונה געהאט, און בזכות רביה"ק האבן זיי געהאט א לאנגע און פרייליכע לעבן אינאיינעם.

***

נאך א מעשה האב איך צודערציילן, וואס איך האב געהערט פון א איש מהימן, וואס האט געהאט א קינד מיטן נאמען הדס, און זי איז שוין געווען כמעט צוויי יאר אלט, און האט נאכנישט אנגעהויבן גיין, נאכנישט געשטעלט אפי' איין טריט אליינס.

איז מען אריין צו רביה"ק נאך א ברכה, און דער רבי לייענט דעם קוויטל און זאגט הויך "הדס!! דארף גיין צו דאקטאר הדס", סתום ולא פירש, האט מען גערעדט מיט די רעבעצין, וואס האט געהאט באקאנטשאפט מיט דאקטוירים, און די רעבעצין זאגט: זי האט נאך קיינמאל געהערט פון א דאקטאר מיט דעם נאמען.

הערשט נאכן זוכן א לענגערע צייט, איז מען געוואר געווארן פון א דאקטאר וואס הייסט דר. הדס, אבער ער האט שוין לאנג רעטייערט און פראקטיצירט שוין נישט קיין דאקטאריי, למעשה גייט ער יא איינמאל א וואך אין שפיטאל אלס א וואלענטיר, אבער נעמט נישט אויף קיין פאציענטן מער.

למעשה איז מען אריבער צו דעם שפיטאל, און אים אפגעווארט, און מעו ווייזט אים דאס קינד, ער הייבט אויף דאס קינד און באטראכט איר, און זאגט אזוי: דאס קינד איז א קלוג קינד, נאר א שווערער דיסיידער, איינמאל זי וועט אפמאכן אנצוהייבן גיין, וועט זי שפאצירן כאחד האדם.

וכך הוה, ביז עטליכע וואכן האט דאס קינד אנגעהויבן שטעלן טריט, און תיכף געגאנגען ווי אן ערוואקסן קינד. אזוי זענען זיי געהאלפן געווארן בברכתו של רבינו.

## א קאפיטל היסטאריע

**גאונים - ראשונים - בעלי התוספות**

### רבי ידעי' הפניני
**בחינת עולם**

רבי ידעי' הפניני, איז געווען איינע פון די גרעסטע פיליסופים בדורו, און ווי אויך א משורר און א מליץ, א זוהן פון רבי אברהם בר' יצחק בדראשי, פון די שטאט בדרש - פרובינציה.

זיבעצען יאר אלט איז ער געווען, ווען ער האט מחבר געווען ספר הפרדס, צוטיילט אין פיהר שערים.

דאס מערסטע באוואוסט - איז זיין לעבנס ווערק - ספר בחינת עולם, ווי ער איז מסביר די נישטיקייט און הבל פון עולם הזה, און ווי ווייט מען דארף אנגרייטן צידה לעולם הבא, דער חיבור איז געווארן געדרוקט אין אכציג מהדורות, אין פיהלע שפראכן.

די גדולי מפרשי התורה, רבי יצחק עראמה - בעל העקדה, און רבי יצחק אברבנא-ל, ברענגען צו זיינע ווערטער אין זייער פירוש על התורה

## הערת הקורא

בנוגע וואס איר האט געשריבן, וועגן דעם נאמען בנציון.

איך ביין אן אייניקל פון הרה"ח ר' בן ציון איצקאוויטש ז"ל אביו של ר' יעקב - ר' אברהם מאיר - ור' ישראל.

מיין זיידע פלעגט אייביג שרייבן זיין נאמען, אין צוויי ווערטער **בן ציון**, דאס איז די ריכטיגע וועג עס צו שרייבן.

אין די משפחה איז באקאנט די מעשה: מיין זיידנ'ס ארגינעלע נאמען איז געווען **אלטר בן ציון איצקאוויטש**, אזוי זעהט מען אין זיין כתובה, און אין זיין פינקס און אלטע בריוון אינדערהיים.

איינמאל האט מען אים גערופן אז ער זאל זיין עדות ביי א גט אין בי"ד הגדול - ירושלים, ווען עס איז געקומען אונטער צו שרייבן זיין נאמען, איז נתעורר געווארן וויאזוי מען שרייבט די נאמען אלטר, צי מיט א ט' אדער מיט א ת', כדי זיך ארויס צו דרייען פון דעם פראבלעם האט מען במושב בית דין אראפ גענומען דעם נאמען אלטר פון אים.

(הרב שלמה הערשקאוויטש)